# Digitales Brandenburg

### hosted by Universitätsbibliothek Potsdam


## Ṿinṭer

**Brenner, Yôsēf Ḥayyîm**
**ברנר, יוסף חיים**

**Ṿarshe, 1936**

חי.

**urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8203**

Visual Library

## יח.

דאָ בין איך דערגאנגען צו א שיידוועג, דאָס הייסט, צו יענער צייט, ווען כ׳האָב אָנגעהויבן שפּירן, אַז ווייטער קען זיך עס אַזוי נישט ציען בשום אופן, אַז עס מוז קומען עפּעס אַן ענדערונגען — וועלכע ס׳זאָל נישט זיין... פאַרלאָזן .N אָדער עפּעס אָפּטאָן אַן אַנדער זאַך, וואָס זאָל מיך אַרויסשלעפּן פון דעמדאָזיקן מצב מוז מען זיך אַרויסקריגן, עפּעס אַ קריזיס מוז אמבאַדינגט קומען !..

אָבער... פאַר אַ „קריזיס״ ווי דער, וועלכער איז ביי מיר געקומען מיט עטליכע יאָר צוריק, איז, פאַרשטייט זיך, קיין אָרט נישט געווען, און אומזיסט האָב איך אויף אים געוואַרט. און וואָס ס׳איז שייך דעם פאַרלאָזן די שטאָט .N און דעם אַוועקפאָרן אין אַן אַנדער אָרט — איז אויך דערין געווען א אינערליכער ווידערשפּרוך. איך האָב אַ סך מאָל געלאַכט פון יודלינצן, וועלכער האָט דערהויבן דאָס „וואַנדערן״ צו דער מדרגה פון אַן אידעאַל, ווייל איך האָב פאַרשטאַנען, אַז „אומעטום איז איין וועלט״, אַז דער „דאָרטן״ איז אַ אילוזיע, ווי אַלע אילוזיעס און אַז „גוט איז דאָרט, וואו מיר זענען נישטאָ״.

דאַגעגן האָט זיך אָבער ביי מיר דערוועקט ערגעץ פון אַ פאַרגעסן ווינקעל אין האַרצן דער אַלטער באַגער זיך צו פאַרפולקאָמענען, צו דערווערבן וויסן, צו פאָרן קיין אויסלאַנד. און גאָר איגגיכן האָב איך זיך אָנגעהאַלטן אָן דעדדאָזיקער „אידעע״, ווי אָן אַ מאַסשטאַב צו מעסטן מיט אים מיין ווערט: אויב עס וועט מיר נישט געלינגען צו פאַרווירקליכן דעמדאָזיקן באַגער מיינעם - איז אַ סימן, אַז איך בין באמת נישט

פעאיק צו קיין שום זאַך; דאַן וועט פאַרלוירן גיין דאָס לעצטע ביסל אַכטונג, וואָס איך האָב פאַר זיך.

— וואָס ס'איז פ אַ ר אַ ן צו וויסן — האָסטו דאָס זיך דען דאָ נאָך נישט דערוואוסט? — האָט דאַווידאָווסקי שטילערהייט באַמערקט, ווען איך האָב אים אויסדערציילט וועגן מיין באַשלוס אוועקצופאָרן, און דידאָזיקע באַמערקונג זיינע האָט באַ מיר אַרויסגערופן אַן אומאַנגענעם געפיל, כמעט א פאַריבל. איך האָב געוואָלט גלויבן און זיין זיכער אין דער גערעכטיקייט פון מיין שטרעבונג. די עיקר-פראַגע איז ביי מיר געווען דאָס באַקומען די מיטלען..

וואָס טוט מען? זיין אַרום אַ יאָר אַ מלמד אין אַ דאָרף און צונויפזאַמלען די סומע, וואָס איז נויטיק אויף דער נסיעה? אמת, דער ציל איז אַ גוטער, אָבער זיין אַ גאַנץ יאָר אין א דאָרף אָן א באַקאַנטן, אָן ביכער, צווישן גראָבקייט און פאַרטעמפּקייט!.. איך שטיי אויף דער שוועל פון לעבן — איך דאַרף מאַכן אַ טריט און אַריינגיין אין זאַל אַריין — און פּלוצים זאָל איך פאַרלאָזן דאָס שטאָטישע לעבן!.. און באַקומען, ווייניקסטנס אַ לייטישע „קאָנדיציע" איז זייער שווער, ווייל ס'איז פאַראַן מער בחורים-לערערס, איידער דערפער, וואס זוכן לערערס. ס'וואָלט, אמת, גוט געווען אין מאַטעריעלער הינזיכט — וואָס דאָס איז דאָך לעת עתה דער עיקר — זיך צו באַזעצן אויף אַ יאָר צייט אין מיין געבורטשטאָט צ., דאָרטן וואָלט איך לייכט פאַרדינט, וויפיל איך דאַרף, אָבער פאָרן אַהיים צו מיינע עלטערן — ניין, דאָס איז אַ זאַך וואָס איז אוממעגלעך!..

אַפילו דער געדאַנק אַליין וועגן פאָרן אין דער שטאָט, וואו עס וואוינען מייגע עלטערן, איז נישט געקומען פון זיך אַליין, נאָר אַ דאַנק אַ בריוו, וואָס איך האָב באַקומען פון עובדיה'ן, דעם רב'ס זון, אַ לאַנגען, מליצה'דיקן בריוו, כאָטש דער שרייבער האָט געפונען פאַר נויטיק צום סוף „צו בעטן ביי מיר מיין פאַרגעבונג הלמאי זיין גייסט האָט אויסגעקליבן זיך מיר צו באַווייזן דורך דער געדיכטעניש פוג'ם וואָלקן און פוג'ם נעפל פון מליצות אויסגעדראָשענע, ווי עס טוען די

בעלי-מליצה, צווישען וועלכע ער האָט קיין חלק און אָרט נישט, און ווי אונזערע חז״ל האָבן געזאָגט, אַז אַלץ וואָס איבעריק, איז געגליכן ווי ס׳וואָלט געפעלט". דער אָנהויב פון בריוו איז געווען פּאָעטישע רייד „וועגן בריוו וואָס גייט פאַר אים, הלמאי ער האָט געטון פון מיר פאַרמיידן דאָס גוטס, כאָטש ער וואָלט דאָס געקענט אויספירן, און נישט באַזוכט מיך אין דער שטאָט .N און נישט געווען ביי מיר די אַלע טעג, און ממילא אויך די נעכט", דערנאָך האָט ער מיר דערציילט, אַז „זיין פאָטער, זאָל לעבן, מאַכט זיך נישט זעענדיק, ווען ער (דאָס הייסט, עובדיה) פארנעמט זיך מיט אַ רוסישער צייטשריפט, אנדערש איז, ווען ער טוט זיך אַריין אין אַ העברעאישע מליצה־בוך, דאמאָלס איז ער בראנד־פייער"; און אויסערדעם איז צ. נישט אַזוי ווי .N, וואס איז א שטאָט פול מיט קלוגע לייט און מיט שרייבערס און אין צ. לאָזט זיך די העברעאישע ליטעראטור נישט הערן אין די גאַסן, כמעט ווי מ׳זעט זי נישט און מ׳האָט זי נישט, כאָטש דער ציוניזם, דאנקען גאָט, מאַכט טריט פאָרויס. די וואָס ווילן אויס און אינטערעסירן זיך מיט אונזערע פאַרבליבענע טייערקייטן, וואַקסן ווי שוואָמען נאָך א רעגן, און עס האַלט זיך שוין ביים גרינדן א בית-ספר דורך אים און דורך זיין נאַציאָנאַלן פריינט יעקב בן משה צובדמאן, דורך וועמען עס ווערט געשיקט דאָס דאָזיקע געשריפטס".

און דער סוף פון די רייד איז געווען:

„דעריבער הער מיך אויס און איך וועל דיר ראטן, יוגנט-פריינט מיינער, און גאָט וועט דיך אויסהערן. שוין פון לאַנגע צייטן טוסטו וואַנדערן, אבער צי ציט דען דיר באמת נישט דאָס האַרץ צו דיין געבורטשטאָט און פאַרוואָסזשע זאָלסטו נישט לענקען דיינע טריט צו איר? דאָ וועסטו האָבן חיוגה ברֶווח, וואָרום ס׳איז דאָך אָן צווייפל דיר באַקאַנט, אַז איך וועל נאָך אין אַ פּאָר חדשים אַרום טון טאָן שיקן מיינע טריט אין דער שטאָט ס. אַריין צו פאַרפעסטיקן מיין זיץ דאָרטן און דאָרט וועל איך מיר בויען אַ הויז, הויז מיינט מען פרוי, מיט מיין באשערטער פריילייז פרומא די טאָכטער פונ׳ם גביר

ר׳ פינחס נרו־יאיר, און דו וועסט דיר נעמען מיינע תלמידים, ווייל איך בין דאָך דאָ די גאַנצע צייט א לערער פון די לוי־טערקייטן פון דער העברעאישער שפראַך״.

יעקב, וועלכער האט מיר ביי בורסיפן אין שטוב איבער־געגעבן דעם בריוו, האָט מיר אויך ארויסגעזאָגט עובדיהס אמתן.

יעקב!.. דאס איז שוין נישט געוועזן דער יעקב, מיין קינדהייט־חבר פונם רב׳ס שטוב, נאָר עפּעס א הער עובדמאן, א בחור מיט א ליבלעך, לאכנדיק, שיין און א ביסל געצערטלט פנים, מיט פריידיקע אויגן, פול מיט גוטהארציקייט און אנער־קענונג פון זיין פאָרשריט אין זיין געבורטשטאט, אנערקענונג פון זיין קאמף מיט די פינצטערע לייט, די קעגנערס פונם רעיון. מיין קאלטע באציאונג צו אים האט אומבאדינגט אויך געווירקט אויף זיין דערנענטערן זיך צו מיר. און פונדעסט־וועגן האט ער זיך נישט אפגעהאלטן מיר צו דערציילן, אויף וויפיל די צייט האט דערלויבט, אלע זיינע אויפטוען אויפן געביט פון ציוניזם. ער האט אויך גערעדט וועגן דעם יושב־ראש פון זיין אגודה, אלימלך דער מלוה, ער האט מיר אויך געוויזן זיינע קאָרעספאנדענציעס, וועלכע ליגן באהאלטן אין זיין העפט, און אלץ מיט א צופרידענעם געלעכטער, תמימותדיק. נארישלעך. און ווען בורסיף האט „פארבייגייענדיק״, אין צוזאמענהאנג מיטן געשפרעך, דערמאָנט מיט עפּעס א פראזע דעם געזעץ פון קאוזאליטעט, האט עובדמאן געפונען פאר נויטיק צו זיין א אונטערהעלפער און ברענגען א ראיה דערצו פון זיין ציוניזם. פארוואס איז ער אזאַ פארברענטער ציוניסט? בעת ער איז געוועזן א קינד, האבן זיינע עלטערן געוואינט אין דארף א.א.וו...

ער איז געקומען קיין N, געשעפטלעך און מיט אים איז מיטגעקומען זיינס א שוועסטער, וועלכע האט זיך פארגלוסט א ביסל זיך אנצושמעקן מיט גרויסשטאטישער לופט, אויף צוריקוועגס איז מיט זיי צוזאמען געפארן אויך בורסיף, וועל־כער האט דאן פארלאזט.

חיימאָוויטש האט זיך באַנוצט מיט זיין גאַנצער רעדנער.
קראַפט מיך צו וואָרענען פון דעמדאָזיקן געפערלעכן שריט-
ער איז טאַקי תמיד אויך געווען אַ קעגנער פון דאָרף-מלמדותן
ער פלעגט מיך איינרעדן, איך זאָל צוזאַמען מיט אים אַריין
עפּעס אין אַ פאַבריק). אָבער אין פאַרגלייך צו דער נסיעה קיין
צ. איז שוין בעסער אַ דאָרף, „איך ווייס גאַרנישט דעם גאַנצן
בורזשואַזן גיפט, וואָס איז פאַראַן אין דער זאָרג פון דער
פאַמיליע פאַר איר אַמיטגליד".
אויך דער בריוו, וועלכן איך האָב דאַמאָלס באַקומען
פון מיין פאָטער האָט געקענט געניגן אויף אָפּצוהאַלטן זיך
פון דערדאָזיקער נסיעה. מוסר-רייד זענען געווען אין אים:
„און מיין פאַרשטאַנד איז צו קורץ ביז איצט, איך זאָל משיג
זיין, פאַרוואָס דוקא אין N האָסטו דיר געמאַכט דיין נעסט,
און אַז דו וואָלסט געקומען אין מיין אָרט, צי דען וועל איך
דיך נישט קענען אַכטן און דו וואָלסט געווען נאָענט צו מיר
און מכוח אַ תכלית, ערשטנס, וואָס פאַר אַ תכלית איז אין
דיינע קאַנטן. תכלית איז ביים אויבערשטן אין די הענט און
מ'דאַרף נישט קיין בעסערן תכלית פון דעם, וואָס איך טראַכט
אין מיין האַרצן און פאַרשטיי אַליין". נאָכן „פאַרשטיי אַליין"
זענען געווען עטלעכע זאַצן, וועמענס באַטייט כ'האָב נישט
פאַרשטאַנען, צוליבן געציקלטן כתב און צוליבן פעלן פון
שרייבצייכנס, און איינער פון די זאַצן האָט זיך פאַרענדיקט
מיט צוויי געהיימניספולע ווערטער: „היילונג-בלעטער"...
און פונדעסטוועגן בין איך אין אַ חודש אַרום אַוועקגע-
פאָרן קיין צ.
איצט, ווען ס'איז שוין דורכגעגאַנגען אַ געוויסע צייט
נאָך דערדאָזיקער נסיעה, קען איך מיר נישט אויפקלערן ווי
געהעריק די עיקרדיקע פאַקטאָרן, וועלכע האָבן מיך געצווונ-
גען צו מאַכן דעמדאָזיקן שריט, נישט געקוקט דערויף, וואָס
איך האָב דאַן יעדע מינוט פאַרשטאַנען, אַז איך טאָר נישט
אומקערן זיך אַהיים צו מיינע עלטערן. דאָס משונהדיקע געפיל,
וואָס איך האָב געפילט צו יענעם מיידל, איז דאָך ביי מיר

געבוירן געוואָרן, ווי מיר דוכט, דערנאָך ערשט, ווען איך בין שוין געווען אין צ. —

יאָ, אגב אורחא: דער פאַקט, וואָס איך בין צוגעצויגן געוואָרן צו יענעם מיידל — איז זייער אַ משונהדיקער פאַקט, אַ פאַקט, וואָס רופט אַרויס אַ ביטער געלעכטער, און זיך פאַרטראַכטן וועגן אים איז מיר אַ סך שווערער ווי באָברען זיך אין אַ וואונד. כאַ, איך זאָג אַ „וווּנד", אָבער אינדערמאמתן איז דאָ דאָ געווען אַן אַנדער זאַך. דאָ בין איך דאָך בלויז געפייניקט געוואָרן, אָבער זענען נישט פאַרוווּנדעט געוואָרן — ס'איז נישט געווען קיין געלעגנהייט דערצו. אין דעמדאָזיקן פאַקט איז אינדעראמתן נישט געווען אפילו קיין געלעגנהייט פאַר דער אַנטפּלעקונג פון מיין פערזענלעכקייט, וואָס עס וואָלט מעגלעך געווען, ווען דער סוביעקט וואָלט געווען אַן אַנדערער. דאָס אַרט אַן אַנדערס און די געשיכטע אַן אַנדערע — ווען אַלץ וואָלט געווען. ווי עס האָט זיך אַ מאָל פאָרגעשטעלט אין מיין צעהיצטער פאַנטאַזיע, ווען איך האָב געטרוימט וועגן דעם גליק זיך צו „פאַרליבן". דאָ איז אמת, געווען אַ טיפּישע געשיכטע, אָבער אַ פאַרבייגייענדיקע, וואָס ניט גאָרנישט צו צו פאַרשטיין מיין „איך", אַ געשיכטע פון „אַ קי איז געפלויגן איבערן דאַך",

ביי בורסיפן אין וואינונג האָב איך פאַר מיר געזען אַ פרעמד מיידל, אַ ברונעטע, אַ שיינע, מיט לעבעדיקע, ברייטגעעפנטע, בלויע אויגן, מיט לענגלעכע סאַמעט-באַקן, מיט אַ כישופדיק מויל און מיט באַוועגונגע פון אַ גאַזעל געמישטע מיט א ביסל אייגנאַרטיקער חשיבות. יעקב, מיין קינדהייט-חבר, האָט, אין פלוג, מיך גענומען פאָרשטעלן פאַר איר, פאַר זיין שוועסטער. זי האָט ווי כמעט קיין קוק נישט געגעבן אויף מיר, און איך האָב מיך איינגעהערט, שטאַרק איינגעהערט צו איר לויטערער שטימע, איך האָב בגנבה געזען צוויי מאָל דורך דער צייט, וואָס איך בין דאָרטן געזעסן, איר פרעכטיקע מינע, דורך וועלכע זי פלעגט אַ ביסל אַרויסהויבן אירע סאַפירןציין צוזאמען מיט דער אויבערשטער ליפּ און אַרויפליגן זיי

אויף דער אונטערשטער ליפּ. די גאנצע צייט בין איך געזעסן אויף מיין אָרט ווי צוגעשלאָגן מיט טשוועקעס, פול־זייענדיק מיט עפּעס אַ געפיל, אז טאָמער וועל איך א ריר טאָן מיט א האנט אדער מיט א פוס, וועט געשען דורכדעם עפּעס א שרעקלעכע זאך. און ווען איך בין ארויסגעגאנגען איז ביי מיר אין הארצן געווען בלויז א טיפע שנאה צו בורסיפן, א שנאה צו זיין פריזור, צו זיין שמייכל, צו זיין מונדיר, צו די קנעפּ פון זיין בלוזע, — א שנאה, וועלכע איך האָב ביז דאן נישט געקענט. פארשטייט זיך, אז, זי, דידאָזיקע שנאה, איז געווען א רעזולטאט פון דער קנאה, וואס איך האָב מקנא געווען די פרייע און פיינע באוועגונגען פון דעמדאָזיקן מאנסביל... ווי אנטקעגנשטעלנדיק איינעם קעגן אנדערן האב איך זיך דערמאָנט אָן מיין נישט־שיינעם, נישט־נאטירלעכן געלעכטער, אָן מיינע נישט פלינקע, בטלנישע באוועגונגען, אָן די האלבע ווערטער מיינע — און אלץ האט אויסגעזען עקלדיק, נאריש, שפלדיק... און זי האט עס דערפילט... אוודאי האט זי דערפילט... ווער? א פּראווינציעלע העלדן? — ניין, איך בין טאקי באמת קליינלעך און נאַייש! צוליב וואס באנלל איך זיך מיט דעמדאזיקן „באַנאַלן" טיטול? וואס פאַר אַ שלעכטס האָב איך געפונען אין מיר? אַ מיידל ווי אלע מיידלעך! אבער... וואס גייט זיך מיך בכלל אָן? וואָס?...

דאַן האבן זיך צונויפגעוועבט ביי מיר אין מוח עטלעכע ווערטער אותיותווייז:

— זי וועט דאָך מיך נישט באַמערקן..

און באלד האָב איך געלאַכט פון דעמדאָזיקן נעדראַנק, איינער פון די געדאנקען־שדים, וועלכע קומען אין מוח ארייַן פון זיך אליין אָן קיין שום לאָגישן צוזאמענהאנג און אָן קיין שום נויטווענדיקייט...

ווען איך בין געקומען צו מיר אין וואוינונג בין איך געזעסן אַ לענגערע צייט און צעקרישלט מיט מיינע פינגער אַ קעסטעלע שווערעלעך, וואָס איז געשטאנען אויף מיין טיש. כ'האָב געטראכט נאָר וועגן אנדערע עניגים, און ערשט א־ן

אָוונט, ווען איך האב אנגעהויבן לייענען עפּעס אַ בוך, אי! מיר פארבייגעשוואומען דאס בילר פונם מיידל, מיט וועלכער איך האב זיך בכקאנט מיטאג צייט, און ליפּן האָבן נישט־ווילנדיק געמורמלט: „ראַ-כיל מאַי־סע־יעוו-נא״, בורסיף האָט זי גערופן — ווי כ'האָב נישט געקענט ליידן דעמדאָזיקן אויס־דרוק זיינעם — אבער גאר גיך האב איך זיך אויפגעכאַפּט...

— יאָ, ס'האָבן קיין שום ווערט נישט אזעלכע נאריש־קייטן. אין אַ פּוסטן מוח קלעפּן זיך אָן פּוסטע געדאַנקען, אַ ישיבה־בחור, וואָס האָט קיינמאָל קיין פרוי נישט געזען, בכלל — איז עס גאָרנישט, כ'האב זיך דערמאנט — און נישט מער. און וואָס איז דער גוואלד? אדרבה, פארוואס דארף איך זי נישט געדענקען? זי האָט נישט געקענט מאכן אויף מיר קיין שום איינדרוק, אָבער איך געדענק דאָך טויזנטער אַנדערע, „קליניקייטן״... נו, און אויב זי האט יאָ געמאַכט אויף מיר אַן איינדרוק, — א־ז וואָס? טאָר מען נישט?.. מ'דאַרף פאָרן אהיים — „היילונג־בלעטער״ — כאַ!

---

און אין עטלעכע וואָכן ארום האָב איך זיך געטראָגן אינ'ם באַן־וואַגאָן אויפ'ן וועג, וואָס גייט קיין צ.; דער קאָפּ האָט מיר שטארק וויי געטאָן, דאָס האַרץ איז געווען אויפגערודערט, און האָב עוסק געווען אין דער פּסי־כאָלאגיע פון קאָפּ־ווייטיק און פון אַ זון וואס פאָרט אהיים צו די עלטערן. „בכן, הייסט עס, פאָר איך — וואס פיל איך?״ — כאָפּ מיר מיט א כיוון אויסגעמאָלט די צוקונפט־בילדער אינדערהיים ביי מיר מיט צו שווארצע פארבן... „כדי סזמל מיר נישט זיין שווער דערנאָך״ — האב איך ווייטער געטראכט. — אבער אט זענען מיינע געפילן דאָך אינטערעסאַנט: עטלעכע יאָר בין איך דארט נישט געווען, וואו מיין וויגעלע איז געשטאַנען, אינם אָרט פון מיינע אנגענעמע דערינערונגען... מיין מוטער... מיינע שוועסטער — און קיין שום דיאונג איז

נישטא, קיין שום אנגענעמע דערוואַרטונג... בלויז ווייטיק, ווייטיק, ווייטיק...

מענטשן, אַז זיי זײַנען אין דער פרעמד, זאָגן זיי: איך דאַרף האָבן רו — דעריבער פאָר איך אהיים". אָבער אויך פאַר מיר איז דאָך דאַן געווען נישט איבעריק אָפּצורוען אַ ביסל — און צוליב וואָס בין איך געפאָרן אהיים?

יאָ, איך בין געפאָרן נייל מיר האָט עפּעס געפעלט אָדער, ס'איז מיר עפּעס געווען נישט בעוואוסט. קען זיין, אַז איך בין געפאָרן דערפאַר ווייל איך האָב שוין פאַרמאָגט אַ גלייכגילטיקייט צו אַלע זאַכן און געשיכטעס. און קען זיין — דערפאַר ווייל מיר איז געווען קלאָר אַז איך טאָר נישט פאָרן...

פרייטיק, ערב־שבת־קודש אינדערפרי בין איך געקומען אהיים.